


„הסנה בוער באש והסנה איננו אכל"...

Rabbi Chuna Hertzman, 229 Penn St., Brooklyn 11, N. Y. EV 7-5238

# מירער ישיבה אין גלות

אינהאלט:

**הימלישע בענקשאפט און שטורמישע טעג**

בילדער פון גדולי ישראל, אויך פון מירער ישיבה,
און טראגעדיעס פון שאנכייער געטא

געשריבען און ארויסגעגעבען פון

**הרב אלחנן יוסף הערצמאן**

שאנגהאי, כינע, תש״א — ניו יארק, תש״י

edited and published by
RABBI CHUNA HERTZMAN
229 Penn Street, Brooklyn 11, N. Y.
EVergreen 7-5238

Copyright 1950, by Rabbi Chuna Hertzman — נאכדרוק פערבאָטען

Printed by Postar & Halberstam Printing Co., Brooklyn 6, N.Y.

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2019

# דיא קדושים!

פון זעהר א גרויסע הייליגע וועלט זענען מיר אוועקגעריסען געווארען! מיר — אבער נישט זיי! זיי, די קדושים, זיי זענען מעהר נישט וויא אריבער פון קודש אין קדשי קדשים, אבער ביי וואס זענען מיר פערבליבען? בייא א וועלט, וואס אויף יעדען טראט זענען דא צוואנציג מכשולים, יעדער שטיקעל ערד איז דורכגעווייקט מיט בלוט, פון יעדען גרעזעל וואקסט אומרעכט, דיא לופט איז פול מיט מלאכי חבלה, און אנגעפילט מיט מענשען-האס.

אבער זיי, דיא קדושים, זיצען אין אן ארט פון „כולו קודש". זייער אויער הערט נור „קדוש — קדוש — קדוש". זייער אויג זעהט נור גוטעס, הייליגעס און העכערס! זייער נשמה זיצט אין דעם גן-עדן וואס זיי האבען זיך דא, אויף דער וועלט פארפלאנצט, צוגעגרייט דורך זייערע מעשים טובים, דורך אוועקגעבען טעג און נעכט פאר לערנען תורה, פראווען חצות, זאגען תהלים, און אפגעבען זייער בעט פאר אורחים.

און דא וויל איך דערמאנען וועגען אונזערע ליבע און טייערע חברים, וואס מיר האבען געלאזען אויף דיא בית עולם'ס אין גלות, איבערהויפט אין שאנגהאי. „במקום אשר לא דרכו אבותינו", האבען מיר אייך דארטען געלאזען! אבער נישט איינזאם, אליין! ניין! ניין! ווייל דיא לעצטע לוי' האבען מיר געמאכט פון איין גרויסען וואגען מיט שמות, פון דיא הונדערטער ספרים, וואס מיר און איהר האבען צוזאמען געלערענט אין דעם גלות פון שאנגהאי, אין דיא שרעקליכע געטא צייטען. אט דיא שמות, דורכגעווייקטע אין טרערען און שוויים — זיי וועלען אייך זיין אייער גן-עדן ווינטעל. און פאר אונז וועלען יענע שמות זיין דער גרויסער, הייליגער סידור, פון וועלכען איהר וועט שטענדיג בעטען פאר אונז. אז מיר זאלען נאך קענען צוריק געפינען דיא הויכע גלות-הרגשים, וואס ליגען אין יענע פערגראבענע שמות! און דאס וועט זיין אונזער אלעמענ'ס גרויסער טרייסט פאר אונזער שווער דורכגעמאכטען גלות.

ת. נ. צ. ב. ה.



# צום הייליגען אנדענק

פון מיינע ליבע עלטערן, שוועסטער און ברידער, וואס זענען
אומגעקומען על קה"ש אין פוילען.

ר' שמואל ב"ר מרדכי הערצמאן ז"ל מניסינע

צפורה בת ר' אליעזר וואקערמאן ז"ל מטישיווויץ

זייערע זין: אביגדור מאיר, אליעזר

טעכטער: זלאטע, לאה, חנה פראדעל,

אומגעקומען על קה"ש הי"ד, כ"א תשרי, תש"א
בניסינע כרך לובלין.

## די בני תורה,

## וואס זענען נפטר געווארען אין גלות

### מירער ישיבה

ר' מאיר סעריוואנסקי, ב' שבט, ת"ש, ווילנע.
ר' יצחק פראנק, ה' אדר, ת"ש, קאוונע.
ר' אברהם ארבוס, י"ב שבט, תש"ו, שאנגהאי
ר' מרדכי וואסילסקי, י"ב אב, תש"ו, שאנגהאי

### ליובאוויצער ישיבה

ר' שמואל אברהם כאנאוויץ, ט' אדר, תש"ג

### ישיבת חכמי לובלין

ר' עובדי' זובערמאן, ב' ניסן, ת"ש, שאנגהאי
ר' אלי' וויטעלזאן, כ"ט אב, תש"ה, שאנגהאי
ר' שלמה קאפל, ע"ס תש"ו, שאנגהאי.
ר' מנשה קאווע, כ"א אדר, תש"ו, שאנגהאי

### סדר הנסיעות

פון מיר קיין ווילנע, ב' חשון, ת"ש
פון ווילנע קיין קיידאן, כ"ח כסלו, ת"ש
פון קיידאן אין דיא שטעטלאך, א' אב, ת"ש
פון דיא שטעטלאך קיין יאפאן, י"ד שבט, תש"א
יאפאן — שאנגהאי, כ"ה אב, תש"א; שאנגהאיער געטא, תשעה באב, תש"ג
שאנגהאי — אמעריקע, י"ב טבת, תש"ז




1) הגה״צ ר׳ אלחנן וואסערמאן זצ״ל הי״ד 2) הגה״צ ר׳ דובער לייבאוויץ זצ״ל 3) הגה״צ מרן רבי ח״ע גרודזענסקי זצ״ל. 4) הגה״צ ר׳ ישראל יעקב לובצאנסקי זצ״ל הי״ד. 5) מירער ישיבה אין שאנגהאי איצטערליך. 6) הגה״צ ר״ש שקאפ זצ״ל 7) הנהלה פון מירער ישיבה אין פוילען. 8) איין בילד אין דרוסקיניק וואו גאוני הדור רעדען אין לערנען. 9) מירער ישיבה פון אינוויינינג אין שאנגהאי מיט דער הנהלה.




10) גאיע, דער פירער פון שאנגהייער געטאָ גיט ארויס ערלויבניש פעסער ארויס־
צוגיין פון געטאָ. 11) גאיע. 12) איין ריזען רייא שטייט נאָך פעסער, גאיע
אינמיטען. 13) א געטאָ צייכען. 14) א לוי׳ פון א קרבן און הרב וואלקין איז
מספיד. 15) א געטאָ פּאס. 16) איבונגען אין געטאָ. 17) ז׳ מ׳ אב, תש״ג, נאָך א
באמבארדירונג נעמט מען צוזאמען די קרבנות. 18) די ענגע פליטים היימען
אין שאנגהאי. ב) ליטווישער פליטים פּאס.



19) דיא הנהלה פון שאנגהייער תלמוד תורה און ישיבה קטנה: הרב קאפילאָוויץ, הרב ליס, הרב ניימאן, הרב ווארשאווציק, הרב אבראמציק, הרב אייזנבערג, הרב פיינזילבער, ה׳ פערלמוטער, ה׳ וויספיש, ה׳ אמסטערדאם. און דער קאָמיטעט פון ת״ת ישיבה קטנה און בית יעקב: הרב אשכנזי, הרב פלאטקין, ה׳ בראיאלאווסקי, ה׳ דרוקער, ר׳ הירש לעווין, ה׳ סטיין. 20) אגודת ישראל אין שאנגהאי. 21) בית יעקב מיט׳ן לערערינס פערסאָנאל.
22) איין ישיבה׳שע חתונה פון הרב לוי פליישהאקער אין שאנגהאי. 23) שאנגהאיער תלמוד תורה.

# מירער ישיבה אין גלות

מירער ישיבה, וועלכע ציילט שוין בערך איהרע 140 יאָהר זינט איהר פריהסטער ענשטעהונג, האָט פיל בייגעטראָגען פאר'ן שיינקייט פון כלל ישראל מיט איהרע תלמידים, הן אין כמות, הן אין איכות.

בייא היינטיגס טאָג איז, צוםביישפיעל, שווער צו קריגען איין בעוואוסטע ישיבה דאָ אין אַמעריקע, וואו איין צאָהל חשוב'ע ראש הישיבות זאָלען ניט זיין תלמידי ישיבת מיר.

דיא פראָפּאגאנדא פון מירער ישיבה אויסערליך איז אבער שטענדיג געווען קלענער וויא דיא אמת'ע ווירקליכקייט פון איהר גרויסער אינערליכער איכות. מירער ישיבה האָט פארמאָגט תלמידים פון ארבע פינות העולם, אממעהרסטענס אויסלענדער זענען געווען פון אמעריקע. ווען זיי האָבען געענדיגט דיא ישיבה און אהיים געפאָהרען, זענען פיל צוריקגעקומען מיט דיא פרויען אין ישיבת מיר לערנען, ווייל ארויסגעהענדיג פון ישיבה, האָט מען זיך אזוי שנעל ניט געקענט אראָפּלאָזען אין דעם זינדיגען וועלטל. מען האָט ניט געקענט געפינען קיין מנוחת הנפש, מען האָט געמוזט צוריקקומען אפילו פון אויסלאנד, און אפילו מיט דער משפחה.

קיין מענש קען דאָס ניט בעגרייפען, וויא עס האָט זיך ענטוויקעלט אזא גרויסער רוח, אי אין לומדות, געהאט תלמידים, גאונים אין הלכה, אי צדיקים אין יראת שמים, פעסט געבויט, אהן וואקלענישען. מען האָט אבער געמוזט לאנג זיין אין ישיבה מען זאָל עס קענען פארשטיין, פילען, און, דער עיקר, אליין מיט־לעבען.

עס איז דאָך געווען איין גאנצע פאבריק, וואָס האָט צונומען אלע שרייפלאָך פון גאנצען גייסטיגען אפאראט פון מענשען. נישט נור צונומען, נור גערייניגט, געפוצט און צוריק צוזאמענגעשטעלט דעם מהות פון גרויסען מענשען — איין גרויסען בעל מוח, און איין שטארקע, געזונטע הארץ אין איין ריינעם נפש.

אויף קלערער דאָס צו פערשטיין, קענען מיר דאָס פארשטיין מיט פאָלגענדעס: דאָס יעדער מענש דענקט און האלט, אז מיט זיין געבורט איז ער ווערט אָנגערופען צו ווערען דעם טיטול מענש.

אבער אין מירער ישיבה האָט מען אנדערש געלערענט, אז עיר פרא איז ער געבוירען געוואָרען. מיט דעם איז ער נאָך א קנאפער מיוחס, ווייל בעלי חיים ווערען אויך נאטירליך געבוירען. נור דער עיקר איז, אז אדם יולד, דער אדם דארף ערשט געבוירען ווערען.

אין מירער ישיבה, אז מען האָט געזאָגט אז איינער איז גוט און פרום, האָט מען געפרעגט, פיל האָט מען געארבייט אויף זיך וועגען דעם, ווייל פון זיך קומט עס נישט. נור דערנער וואקסען פון זיך אליין, עפּיס בעסערס מוז מען אקערען און זעהען, דאן וואקסט עס.

נאר, קודם כל, האָט מען געמוזט זיין אין שטיקעל צייט אין ישיבה, אז עס זאָל אָנפאנגען צו בייסען דער געוויסען און צו מאטערען אויף צו ענטוויקלען איין כח התובע, אז מען מוז עפּיס אָנפאנגען צו טהון, זעהענדיג גרויסע ריזען אין תורה ארום זיך, האָט עס געמוזט ארויסרופען קנאת סופרים, כדי עס זאָל צוקומען צו תרבה חכמה, האָט מען זיך געמוזט בענוצען מיט דעם געהעריגען צוגאנג, וויא דיא גדולים וועלכע מען האָט געשטרעבט צוצוקומען צו זייער מצב.

און כדי מען זאָל עס נאָך קלערער פארשטיין, איז כדאי צו דערמאָנען איין וואָרט פון מירער משגיח, רבנו יחזקאל הלוי לעווינשטיין שליט״א. ער האָט אמאָל געזאָגט: שטעלט זיך פאָר, ווען די דיא וועלט וואָלט בעדארפען עסען על פי שכל, דאָס הייסט, אז מען זאָל עסען נור ווייל מען פערשטייט אז אָהן עסען קען מען נישט לעבען, דאן וואָלט דיא גאנצע וועלט כמעט געשטאָרבען פאר הונגער. אנדערש איז אבער, אז מען עסט, ווייל דער מענש האָט איין כח התובע, עס הונגערט איהם, זעהט מען טאקע דיא לאגע אנדערש.

היינט, אז דעם נפש דארף מען געבען עסען על פי שכל, קיין כח התובע פון הונגערען האָט מען נישט געשאפען, איז דאָך פשוט, אז דער נפש שטארבט פאר הונגער.

נאר ווי שאפט מען פאָרט דעם כח התובע פאר׳ן נפש? נעמען איבער־ארבייטען דעם כח התובע פון גוף פאר׳ן נפש, איז טאקע זעהר שווער. אבער אז מען געפינט זיך אין איין גרויסען דראנג פון נשמה דאָרשט פון א 500 תלמידים גדולים, און ווען עס קומט נאָך א ימים נוראים, קומען נאָך א פאָר הונדערט גדולים, געוועזענע תלמידים, זעהענדיג זייער גדלות, אז זיי האָבען טאקע א כח התובע, ווייל אז נישט, פארוואָס פארברויכט דער נפש אזוי פיעל גייסטיגע שפייז? ווירקט עס אויך אויף יעדען אנדערען, אָנצופאנגען צו דענקען אין איין צווייטער

דיכטונג, אז מיין נשמה איז אויך גענומען געוואָרען פון זעלבען הימעל, און מיין נשמה וועט אויך דארפען צוריק געהן אין אָפּגעבען איין דין וחשבון. עס רייסט זיך פיל מאָל ספּאָנטאניש אדורך דער געשריי, געוואלד! וואָס וועט זיין פון מיר? וואו האלט איך אין דער וועלט? דאָס קלענסטע קרעמעל פיהרט דאָך אויך א קלאָרען חשבון, ווייסט קלאָר וואו ער האלט אין דער וועלט. ווייס איך דען, וואו איך האלט? פיל האב איך פון מיין צייט פערבראכט אויף נארישקייטען, פיל תפלות זענען נישט געווען בכוונה. וואו זענען מיינע טעג, חדשים און יאָהרען, וואו זענען זיי? ווען וועל איך זיי קענען צוריקקריגען און צוריק געפינען, ווייל תחיית המתים וועט נור זיין אויף טויטע מענשען, נישט אויף טויטע צייט, וואָסער בעל הבית בין איך אויף דעם בורא עולם׳ס צייט, אויף זיין נשמה, אויף זיין וועלט. דאָס מויל איז דען מיינס? איך מעג דען רעדען עפּיס אייסער תורה, די פיס מעגען דען געהן, ערגעץ אנדערש, אויסער דעם בית המדרש? די גאנצע תפלה זכה פלעגט מען אזוי אפּזאָגען.

זעהר אָפט, נאָך א מוסר שמועס פון משגיח, פלעגט מען ווערען וויא עלעקטריזירט, מען פלעגט שטעהן, הונדערטער תלמידים איינגעפּרעסט איינער צום צווייטען, אויף צו קענען כאפּען איין וואָרט פון מוסר און יראת שמים. עס זענען אויך געווען צייטען פון רבינו ירוחם זצ״ל אין מירער ישיבה, אז אויף אייזערנע סלופּעס, אין דער הויך, איז מען ארויפגעקראָכען און דאָרט זיך ארומ־געוויקעלט ארום דעם אייזערנעם סלופּ, וויא א שלאנג, אויף צו הערען עפּיס א וואָרט פון משגיח. די לופט איז געווען אָנגעשטרענגט, מען איז געווען אויף א צווייטער וועלט, מען האָט געוואָלט האלטען אָט די ווארימקייט אויף שפּעטער, ווייל ניט אלע מאָל האָט מען די געלעגענהייט, אז עס זאָל זיך עפענען עפּיס איין פענסטערעל אין הימעל, און קענען זעהן און שמעקען עפּיס פון א בעסער לופט, מען דארף אויסנוצען די געלעגענהייט.

דאָס איז געווען נאָרמאל 3 מאָל א וואָך, אין מיטען דער וואָך, און פרייטאָג און שבת קודש נאָך דער שקיעה. ווער קען זיך דען פאָרשטעלען אָט די גרויסע, גליקליכע מאָמענטען פון לעבען, אפילו ווען שפּעטער איז מען אביסעל אראָפּגעפאלען, אבער די וועלט זאָגט דאָך, אז איין הרגש איז וויא א בליץ אין מיטען דער נאכט, כאָטש אפילו עס ווערט גלייך צוריק פינסטער, אבער דעם וועג האָט מען שוין דערזעהן.

ווער קען דען פילען דעם הרגש פון צמאה לך נפשי, יענע גרויסע געגועי הנפש, דעם ברום פון דער נשמה בייא איין מוסר לערנען. א האלבע שעה פאר

מעריב האָט מען געלערענט מוסר, וויפיעל טרערען זענען אָט אין יענע וואָכענ־דיקע טעג אויסגעגאָסען געוואָרען, נישט פון צער, נישט פון עצבות, נור פון שמחה, אז מען האָט זוכה געווען צו בעצאָהלען איין האלבען חוב, ווייל אז מען ווייסט אז מען איז שולדיג, הייסט עס שוין האלב בעצאָהלט, נו, אז מען בעצאָהלט, קריגט מען ווייטער קרעדיט, געהען טאקע דיא ביזנעס, מען קריגט מוט, מען איז אין קוראזש, מען איז אין דעם שוואונג פון לעבען, און דער עיקר איז טאקע דער וועג צום לעבען, דער שטרעבען, דער רייסען זיך צום לעבען, דאָס איז דער עיקר לעבען. אט דאן, דיא האלבע שעה, ווען מען האָט אָנגעפאנגען לערנען מוסר מיט רגש, מיט שכל און מיט הארץ, אָט האָט מען זיך ארויפגעלאָזט אין גרונט פון דער נשמה, אָנצוקלויבען פערלדיגע געדאנקען און אויפצוהענגען אויף דער נשמה אלס צירונג, דורך כתבם על לוח לבך. און ווען מען פלעגט צוקומען צו והוא רחום פון מעריב, האָט מען טאקע מרגיש געווען אז נור דער בו״ע איז א רחום, מער קיינער, נור ער. און עס האָט זיך נישט געקענט אָפרייסען, נישט געגלוסט אוועקצוגעהן פון דעם רחום, מען האָט דאָך עפיס יעצט בעקומען איין אוצר, וואו מען קען זיך אלעס אויסבעטען; און דער עיקר, שבתי בבית ה׳ לאורך ימים, כדי צו קענען מרגיש זיין דעם ואני קרבת אלקים לי טוב. וויא דען, ביי ועמען דען קען מען אָנפיהלען וואָס איז טוב. אוי, רבוש״ע, העלף מיר צו זיין נעבען דיר און ארום דיר, אז דוא זאָלסט קענען זיין אין מיר. אבער, אינמיטען דיא הרגשים, האָט דער חזן איין קלאפּ געגעבען אין עמוד ברכו. און אזוי בייא יעדער תפלה, ווען דער חזן האָט אָנגעקלאפּט אין עמוד און מפסיק געווען, האָט מען נאָך געהערט קולות פון תלמידים פון גרויס התלהבות.

דאָס איז געווען טאָג טעגליך, אין וואָכען טעג. היינט אין יום טוב, אין ימים נוראים! דער עיקר האָט מען עס געקענט פיהלען און מערקען אום ימים נוראים. אבער שמחת תורה, דאן איז געווען דער קולמינאציאָנס פונקט פון אלעס.

אלול האָט זיך שוין אָנגעפאנגען איין ערנסטע שטימונג. מען האָט אָנגעפאנגען מרגיש צו זיין בחוש וואָס עס הייסט אז מען געהט צו א געריכט, וואָס האנדעלט זיך פון לעבען און טויט. מען מוז זיך גוט צוגרייטען צום אורטייל פון כתבנו לחיים, ווייל אומזיסט גיט מען נישט, און אויב יאָ איין לעבען, זאָל עס זיין איין חיים פון מלך חפץ בחיים.

אויך אלול פלעגט מען לערנען 2 מאָל א טאָג מוסר, 15 מינוט פאר מנחה, א האלבע שעה פאר מעריב.

עס איז געווען אין מירער ישיבה איין בית המוסר. אין דער הויך איז געווען אזא סאלקע, וואס זעהר אָפט פלעגט מען דאָרט ארויפגעהן אויף אוועקצוגעהן אביסעל אין איין זייט פון דער גשמיות'דיגער וועלט, כדי איהר בעסער צו קענען און פערשטעהן, ווייל פונדערווייטענס זעהט מען בעסער, און דער עיקר אין זיך אליין גוט ארייננקוקען. ווייל פון זיך טאָר מען נישט ארויסקוקען, און צו יענעם דארף מען נישט ארייננקוקען. אויך זאָגט מען פון ר' ישראל סאלאנטער ז"ל, אז א מענש דארף מאכען איין צירקעל ארום זיך, מיט זיך, וועגען זיך, און אין זיך. און אויב דער מענש ווערט דערהויבען, במילא זעהט ער שוין אויך איין דערהויבענע וועלט, ווייל אחור וקדם צרתנו, דער מענש איז פריער און שפעטער פון דער בריאה בעשאפען געוואָרען, ער זאָל קענען דיא וועלט ארייננעמען אין זיינע ארים פון איין עק ביז'ן צווייטען עק, אדער איהר מעלה זיין, אדער ח"ו אראָפּוואַרפען זיך צוזאמען מיט דער וועלט אין שאול תחתית ר"ל. וויא דיא וועלט טייטשט, כי לא במותו יקח הכל, וויל נישט מיט דיין טויט מיטשלעפען דיא גאנצע וועלט מיט זיך. ווייל וויא מען איז אליין, אזוי וויל מען אז דיא גאנצע וועלט זאָל אויסזעהן. דערום דארף מען זיך גוט קאָנטראָלירען און ארומ־קוקען, אז וואו עס איז אביסעל נישט ריין, אָפּווישען, אָפּגלאנצען ריין, זויבער. דער מענש איז דאָך איין משכן ה', בעדארף מען האלטען ריין, כדי דער בו"ע זאָל דאָרטען וועלען וואוינען. עס איז צוגעגאנגען מיט פשוט'ע, נאטירליכע חשבונות פון שכל הישר, און שפעטער איז אויך דיא הארץ נתרגש געוואָרען. אבער דעם נאטירליכען חשבון האָט מען בעדארפט צו האָבען אין איין איבערנאטירליך אָרט, און דאָס איז געווען דער בית המוסר.

איך דערמאָן זיך וויא כמעט אלע אוונד האָט מען אין בית המוסר שפעט ביינאַכט גיטראָפען ר' אַלתר ניעסוויזשער הי"ד ר"מ פון ישיבה קטנה אין מיר, וויא דער יוד פלעגט זיצען מיט איין טיכעלע אין האנד און ווישן דיא שוייס און טרערן פון זיך און אזוי שטילערהייד אונטערגעברומט ביים מוסר ספר, דאָס פלעגט מיר דורכנעמען דורך און דורך, יהי זכרו ברוך. אזוי פלעגען זיך דורכ־וואַרפען פאר דיא אויגען פיל אזעלכע בילדער.

און אזוי האָט מען אויפגעפּאסט דעם אלול זעהר גוט כדי דיא ימים נוראים זאָלען זיין וויא געהעריג. עס איז געגאנגען יעדען פשוט אין לעבען, אז דער ימים נוראים זאָל כאָטש אדורך ווי עס באדארף צו זיין נישט חלילה צו וויזען פאר יענעם, נור פאר זיך אליין ווערען עפיס העכער און פארשטיין אביסעל טיפער דעם לעבען. מען האָט געוואוסט אז די רוחניות'דיקע הצלחה פון גאנצען

טאנצען איינגעטיילט איין ראָד אין צווייטען, נאָהענט ארום דיא ספרי תורה איז געווען איין קלענערער ראָד, און דער משגיח שליט״א פלעגט ווערען מכובד מיט טראָגען דיא ליכט, און דער חזן דערנעבען פלעגט אָנפאנגען אתה הראת לדעת, און דערנאָך עטליכע גרעסערע רעדער, איינער אין צווייטען. עס פלעגט זיך אָנ־הויבען מיט'ן ניגון פון אלטען משגיח זצ״ל, משה אמת ותורתו אמת, דערנאָך האָט זיך אלע מאָל געהויבען העכער און העכער דיא שטימע, און דער ניגון איז געווען ספּעציעל ערנסט און שטארק, וואָס האָט שטארק געהויבען דעם שטאָלץ פון כבוד התורה ובני תורה, אז מען האָט מרגיש געווען בחוש אז נור משה אמת ותורתו אמת, ווייל וויא דען קען מען פילען אזא גרויסען תענוג און דורכלעבען דיא גרויסע געגועי הנפש, קענען דען זיך דיא פיס הויבען צום טאנצען מיט איין פוסטע הארץ און פארפלעקטע נשמה, עס איז דאָך מעהר נישט נור אָנגע־בלאָזענער מוט, וואָס פלאצט גלייך נאָך דעם וויא עס געהט ארויס דאָס ווינטעל פון דער פוסטער און שטאָלצער אמביציע פון וועלען אויסנעמען בייא יענעם. און דאָ איז דער עולם אריין אין עקסטאז, און ווייטער משה אמת ותורתו אמת, און דאן האָט זיך געעפענט אלע חושים פון מענשען, און וויא מיט אָפענע חושים און הרגשים, האָט מען שפאצירט אין הימעל און אראָפּגעכאפּט טיף אין הארצען איין הימלישע פילם לענטע, און פארבאהאלטען טיף אין נשמה און אין הארצען, און אויך אויף אנדערע צייטען פאר זיך און פאר אנדערע. און יעצט פאנגט זיך אָן עפּיס אויפצוויקלען פון דער גרויסער לענטע פון יענער צייט, און עס ווילט זיך אויך איבערגעבען פאר אנדערע פאר איין אָנדענק אז נישט דאָס איז דיא וועלט וואָס מיר זעהען יעצט, עס איז אמאָל געווען איין וועלט און מען דארף שטרעבען נור צו איהר, און אויב מען קען איהר נישט צוריק אויפבליהען, אמ־ווענינגסטען כאָטש אליין געדענקען עפּיס פון אמאָל, כדי צופרידען צו שטעלען דעם היינט און פערזיכערען דעם מאָרגען.

און אָט קען איך זיך נישט אָפּרייסען שרייבענדיג פון יענע הויכע געפילען פון שמחת תורה פון מירער ישיבה. און צוריק דערמאָנען איך, טייערע לעזער, אז מיר האלטען נאָך אין מיט'ן טאנצען.

ווען דער עולם איז אריין אין מיט'ן עקסטאז פון טאנצען, האָט מען קיינ־מאָל נישט געקענט פונאנדעררייסען די קייטען פון דיא רעדער, כדי אָנצופאנ־גען דיא צווייטע הקפה. קיינער האָט נישט געהאָט קיין כח דאָס אויפצורייסען, ווייל אלע זענען צוזאמענגעשמאָלצען אין איין גרויס, הייליגע נשמה, וואָס הייסט מירער ישיבה, איין גרויסע נשמה, צוגאָסען אין א סך גופים. ווען דיא גרויסע

נשמה האָט געטאנצט שמחת תורה, האָבען אלע הימלען זיכער מיטגעטאנצט. זיי, דיא הימלען, האָבען דאן זיכער מקנא געווען דאָס שטיקעל פלאץ, אויף וועלכען מירער ישיבה איז געשטאנען און געוואָלט אליין זיין דאָס וויגעלע וואָס וויגט איין דיא גרויסע נשמה אין אזעלכע נגונים. דיא טענץ האָבען זיך צעגאָסען וויא איין הימלישע סימפאָניע און אט דיאָ נייע ניגונים וואָס זענען געשאפען געוואָרען ביים טאנצען שמחת תורה, האָט מען געזונגען א גאנץ יאָהר בייא דער גמרא און פיל מאָל בייא אנדערע שמחות, און דער ניגון האָט ממשיך געווען דעם שמחת תורה׳דיגען עקסטאז.

דיא ווענט זענען געווען נאַס, פון אלע תלמידים האָט זיך געגאָסען שוויס, עס „האָט אפילו דעם אָנצוג דורכגענעצט. און אט שטעהט פאר מיינע אויגען דיא געלע געמאָלענע ווענט פון דעם גרויסען בנין פון מירער ישיבה, און טראָפּענס גיסען זיך אראָפּ פון דעם סופיט און ווענט, אז עס דאכט זיך אז דיא הימלען וויינען פון שמחה, און שיקען זייערע טרערען פון שמחה דורך דיא ווענט, כדי איין מענשליכע האנט זאָל זיי נישט אָנריהרען און מחלל זיין. ווען איך וואָלט געקענט ארויסנעמען דיא הויכע מאָמענטען און אינהאלט פון יענע טרערן און שווייסען פון יענע שמחות פון דער מירער ישיבה, און דער עיקר, יענע גלות הרגשים, וואָלט איך זיך קיין בעסער גן עדן נישט געוואונשען, ווייל קיין בעסערען נהנה מזיו השכינה, וויא דיא מאָמענטען, קען מען זיך נישט פאָר־שטעלען אין דיא גרעניצען פון דעם וועלטעל!

ווען איינער האָט ש״ת געטרונקען א ביסעלע משקה, איז דאָך נכנס יין יצא סוד, נו, האָט איהר טאקע געקענט הערען דעם סוד ה׳ ליראיו. אט האָט זיך איינער צעוויינט, שרעקליך צעוויינט. איך האָב היינטיגען זמן זעהר שוואך געשטיגען אין תורה אוך יר״ש. איך וויל קיין זאך נישט, נור זעהן הצלחה אין תורה, און טאקע דעם צווייטען זמן האָט יענער שטארק עולה געווען אין לערנען.

איך האָב אמאָל געהערט פון באַראנאָוויצער משגיח ר׳ ישראל יעקב זצ״ל. ער האָט דערצעהלט, אז ימים נוראים איז איין יוד צוגעגאנגען צום ארון קודש (דאכט זיך אז אין מינסק) און ער האָט געזאָגט: רבוש״ע, דוא האָסט דאָך מיר געוויס אָנגעשריבען הצלחה אין מיינע געשעפטען, איך בין עס דיר מוחל, נעם עס צו און גיב עס מיר אריין אין תורה.

אט דאָס איז איין שטריך פון איין סוחר׳ישען יוד אין אמאָליגען רוסלאנד, און דעם לעצטען לעבען אין אייראָפּא, פאר וועלכען מיר דארפען האָבען פיל דרך ארץ און זיך אייביג דערמאָנען אין דעם גרויסען אמאָל, כדי צו פערזיכערען און נישט צו פארשעמען אונזער עתיד.

## דמיר — ווילנע — קיידאן

**און יעצט** ווועלען מיר צוגיין אביסל צו דער תקופה פון מירער ישיבה אין גלות. ענדע זומער תש״ט, ווען עס האָט זיך אָנגעפאנגען דער גרויסער אייראָ־פעאישער חורבן, און דער דייטש האָט פערנומען פוילען ביז צו דער גרעניץ, וויא זיי האָבען אָפּגעמאכט מיט רוסלאנד, און רוסלאנד האָט פערנומען איהרע גרע ניצען, און מירער ישיבה איז געווען פונקט אין דער רוסישער זאָנע, און גלייך וויא זיי זענען אריין קיין מיר, האָט מען אָנגעפאנגען צו קוקען אויף מירער ישיבה פון אויבען אראָפּ. מען האָט אָנגעפאנגען אויף אונז צו ווארפען איין אויג, מען וועט זיי מאכען פאר אונזערע, מען וועט דיא יונגע מענשען שיקען אין מיליטער, שטודירען, ארבייטען, מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען דירעקט, אומ־דירעקט. אבער מיר האָבען געזעהן, אז מיר זענען אין איין תפיסה, און מען מוז שווייגען. נור איין נס קען אונז העלפען. עפּיס איין קלייניגקייט פון רוסלאנד צו אנטלויפען? און דערצו איין גאנצע ישיבה. אבער נישט לאנג האָט געדויערט, און איין תלמיד פון ישיבה האָט צופעליג געהערט אין ראדיאָ פון ענגלאנד, אז רוסלאנד גיט אוועק ווילנא צו ליטא, און, גלייך, ממש אין אָוונד, האָבען זיך אלע אָנגעפאנגען צו פאקען קיין ווילנע, זיך אָנגעטהון געווייגליך, איינפאך, מען זאָל זיך נישט כאפען, און פשוט כמעט אלע מיט איין צוג אנט־לאָפען קיין ווילנע. דאָס איז געווען ב׳ חשון. אָנקעומענדיג קיין ווילנע, זענען מיר פערפאָהרען אין רעמיילעס ישיבה, און ׳ביסלאכווייז געפונען אביסל צימערען צום שלאָפען,׳ און מען האָט געווארט אומגעדולדיג אויף די ליטווינער. אבער דער־ווייל האָט מען בעדארפט שטעהן אין רייא, פון מיטען בייננאכט אין דיא גרויסע פרעסט ביז שפּעט אין טאָג אריין נאָך איין שטיקעל שווארצען ברויט, וואָס האָט אויסגעדרעהט דיא געדערים.

מען האָט געלעבט אין געוויסע פחדים, אבער מען האָט דערלעבט דעם טאָג וואָס דיא ליטווינער זענען אריין קיין ווילנע. זיי זענען אריין מיט זייער מיליטער און קליינצינקע טאנקעס, וואָס אלע האָבען געלאכט פון זיי, אבער פאר דעם האָבען זיי געבראכט כל טוב קיין ווילנע, גאנצע פעסער פוטער זענען געשטאנען אין דיא פענצטער מיט אלעס גוטען. עס איז געוואָרען פרייליך אויף דעם הארצען, מען האָט אָנגעהויבען זעהן שטראַלען פון האָפענונג, כאָטש אין אָנפאנג קיין ליטא איז געווען שווער צו פאָהרען אָהן איין ספּעציעלע ער־

לויבעניש, אבער מירער ישיבה האָט געקראָגען דיא ערלויבניש דורך קאָוונער שתדלנים,' דוכט זיך מיר אז ה׳ איצקאָוויץ פון קאָוונע האָט פיל געהאָלפען אין דעם.

קומענדיג קיין קיידאַן, אין דעם גרויסען בית המדרש, וואו דער ווילנער גאון זצ״ל פלעגט לערנען, ווען ער איז געווען א קיידאנער איידים. דיא ישיבה איז זיך אָנגעגאנגען נאָרמאל, כמקדם, און אין גשמיות האָט אויך קיינעם נישט געפעהלט. עס איז געווען דער דזשאָינט, און אמעריקע איז געווען אָפען, מען האָט געזעהו שטראלען פון האָפענונג, אבער נישט לאנג האָט עס געדויערט און דיא רוסען זענען אריין אין גאנץ ליטא. דער פרעזידענט איז גלייך אנטלאָפען קיין אויסלאַנד און עס איז ווייטער געוואָרען רוסלאַנד. עפעס האָט מען געפיהלט מאָדנע, זיי לויפען אונז נאָך אומעדום. און נישט געוואַרט לאנג, און דער קאָמענדאנט פון דער שטאָדט קיידאַן, האָט גלייך געמאָלדען דיא מירער ישיבה אז זיא טאָר נישט זיין אין קיידאַן, מען מוז זיך צוטיילען אין קליינע גרופען אין קליינע שטעטליך. און א׳ אב ת״ש זענען מיר זיך צופאָרען אין פאָלגענדע שטעטלאך. שאַט, רעמאגאָלע, קראַק, קראַקאַנאָוו. דער ראדיאָ האָט גלייך געמאָלדען אז דער גרעסטער פעסטונג פון קלער איז אויפגעלייזט געוואָרען. אבער מיט שטארקע אמונה און בטחון אין הארצען, האָבען מיר פערמאכט דיא אויגען פון דער אמת׳ער טרויעריגער ווירקליכקייט און אריבערגעטאנצט דעם הייגט כדי צו קענען שטרעבען צו איין ליכטיגען מאָרגען. איידער מיר זענען אוועק פון קיידאַן, זענען מיר אריין אין דעם בית המדרש זיך צו געזעגענען מיט דעם בית המדרש. מען האָט זיך אוועקגעשטעלט זאָגען תהלים, דיא געוויינען זענען געווען שרעקליך, אוואו פאָהרט מען דען ? דאָס גאנצע שטעטעל האָט מיטגעוויינט מען האָ זיך שנעל אָרגאניזירט און זעהר שנעל זענען מיר אלע געווען אויפ׳ן פלאץ, און דיא קיידאנער אידען האָבען אונז ווארים בעגלייט, און זענען אלע מאָל געקומען אין דיא שטעטליך, געוואויר צו ווערען וואָס מען מאכט. און דיא שטעטליך גופא איז מען אויך ווארים אויפגענומען געוואָרען, אי דורך דיא דאָרטיגע רבנים, און כמעט דורך דער גאנצער בעפעלקערונג.

אבער, ליידער, דיא מאכט האָבען דאָך געהאט דיא קאָמוניסטען, און וואָס שטרענגער זיי זענען געווען צו רעליגיעזע אידען, האָבען זיי מעהר מאכט באַקומען, און ווער האָט נישט ליב כבוד און מאכט? און דאָס איבעריגע פארשטייט זיך אליין . . . מען האָט זיך געמוזט היטען, און שטארק היטען, צו געהן אין ישיבה אין דאָרטיגען בית המדרש, האָט מען געמוזט געהן דורך הינטערוועגעלאך

מיט דער גמרא אין האנט, נישט קיינעם אויפצורייסען דיא אויגען. מען האָט געלערענט בהתמדה רבה, מיט איין שטארקען ברען, כאָטש ווען מען האָט זיך געלייגט שלאָפען, און מען האָט געהערט אין שטעטעל פאָהרען איין מיליטערי־שען אויטאָ, האָט אָנגעהויבען צו קלאפּען דאָס הארץ. ווער ווייסט, אפשר קומען זיי אונז נעמען קיין סיביר. ייאוש האָט אונז ארומגענומען פון אלע זייטען, ווייל יעדע שטיקעל גוטע נייעס איז געקומען פלוצים, אָהן קיינע ערווארטונגען, און דערווייל איז געווען זעהר טרויעריג אויף דעם הארצען. נור דיא תורה הקדושה האָט אונז אויפגעהויבען העכער פון דעםווירקליכען אמת און אונז געשטארקט און וויא איין נבואה איז געזעסען אין יעדען הארצען און געטרייסט און געזאָגט דעם נחמו נחמו עמי. איבערהויפּט האָט טאקע דאָס אויפגעהאלטען דער מירער משגיח שליט״א, וועלכער פלעגט ארומפאָהרען מיט איי געדונגענעם וואָגען אין דיא שטעטלאך. ער האָט פיל חיזוק אריינגעבראכט אין יענעם מצב, און אויס־געברענט אלע ייאוש באצילען, און אויף דעם ארט אריינגעבראכט ליכטיגקייט און האָפענונג, און האָט אויפגעוויזען אז עצבות און צובראָכענקייט זענען דיא גרעסטע פאררעטער פון מענשען, בטחון און אמונה האָבען נאָך קיינמאָל דעם מענשען נישט פערראַטען. אזוי איז דער מצב פון כלל ישראל. דוקא אין מלחמה און נסיונות. דוקא בארץ לא זרועה, מוזען מיר ארויסווייזען דעם חסד נעוריך, און דאָרטען, וואו עס איז היפך התורה, מוזען מיר פילען דעם גליק וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו זיין בייא תורה. יעדער איד איז דאָך א הימלישער אמבא־סאדאָר דאָ אויף דער זינדיגער ערד, כדי ארויסצוווייזען זיין רוחניות׳דיגען שטאָלץ מיט נישט נתפעל ווערען פון גופניות׳דיגע ליידען. זיין גוף דארף קענען שפּאַ־צירען און טאנצען אין אלע פייערען, און דאָרטען אויסשמידען זיין פּינטעלע יוד און דיא עקזיסטענץ פון יודישען פאָלק. ער האָט אויפגעוויזען אז פשוט צוליב גופניות׳דיגע בעקוועמליכקייט, לוינט צו וואוינען מיט איין שטאָק העכער פון דער ערד, ווייל דיא ערד איז פול מיט מכשולים, חיות, דערנער, גריבער, אויף יעדען טראָט 20 מכשולים, דערום לוינט פשוט אריבערצוטאנצען דאָס אלעס מיט איין שטארקען, געזונטען שכל.

און דאָס אלעס האָט דער משגיח שליט״א דעמאָנסטרירט מיט זיין פערזענ־ליכקייט אין אלע זיינע האנדלונגען, און דערום האָט ער אזוי פיל געווירקט און געשאפען און אויפגעהאלטען דיא ישיבה מיט איהר גאנצע שיינקייט דעם גאנצען גלות. אייביג, אייביג וועלען אט יענע פייערדיגע רייד, וואָס מיר האָבען זוכה געווען צו הערען פון איהם, האָבען אויף אונז אלעמען אייך גרויסען רושם אויף

צו דערמאָנען זיך אין דעם הייליגען אמאָל. און יענע גרויסע גלות ליידען וועלען זיין דיא קולות וברקים צו דערמאָנען זיך אין דעם תורת הגלות.

---

## קאָוונע — יאפּאן

זיצענדיג אזוי אין דיא שטעטלאך פּערצווייפּעלט, פּלוצלונג דורך איין צו־פאל איז מען געוואויר געוואָרען אז עס איז געקומען איין יאפּאנעזער וועגען איין האנדעלס מיסיע, וואָס פּארטרעט אויך איין קאָנסול. און איין תלמיד פון ישיבה, הרב משה זופּניק, איז צו איהם אריין און ערקלערט אונזער לאגע, און ער האָט באוויליגט צו געבען פאר אלעמען טראנזיטען, און ענד וויזעס האָט מען באקומען ביים האָלענדישען קאָנסול קיין קאראסאאָ. און בעקומענדיג דאָס אלעס האָט מען גלייך אָנגעגעבען אויף ארויספאָהר וויזעס, און מען שטייט שוין אין א קורצע צייט ארום אָנגעשטעלט ביים נ. ק. וו. ד. אין קאָוונע צו קריגען דיא וויזעס, און אין איין קורצע צייט הענגט שוין צעטלען פון נעמען אויף צו קומען אָפּצונעמען דיא וויזעס.

און דער נ. ק. וו. ד. ווערט פארוואנדעלט פאר איין שטיקעל בית המדרש, מען דאווענט מנחה, מען בענטשט מיט מזומן, יודען מיט בערד דרעהען זיך ארום, עס האָט אפילו גאנץ גוט געקלאפּט דיא הארץ, אבער דער מצב איז דאָך געווען איבערנאטירליך, און דאָס אליין האָט טאקע מחזק געווען.

און נישט לאנג האָט געדויערט, און מען פאָהרט. פיל עלטערען זענען זיך געקומען געזעגענען מיט זייערע קינדער קיין קאָוונע, אבער עס זענען געווען הארץ רייסענדע סצענעס ביים געזעגענען זיך. ווען דיא באן האָט געריהרט, האָט זיך געגאָסען טרערען פון דיא וואָס זענען געווען אין צוג, און פון דיא וואָס זענען געבליבען אויפ׳ן וואָקזאל. און מיט שניידיגע געפילען אין הארצען, האָט מען זיך געזעגענט און געפיהלט אז יעצט קומט פאָר דיא גרויסע אָפּעראציע פון דעם גרויסען שניט, וואָס שניידט פולשטענדיג אָפּ דעם אלטען דור פון דעם יונגען. אָט דאָס איז דער גרויסער שניט וואָס שליסט אָפּ איין תקופה פולשטענדיג, נישט לאָזענדיג קיין התקשרות מיט איין צווייטער תקופה. איין שניט צווישען קינדער און עלטערען, צווישען רבי׳ן און תלמיד, צווישען איין מענש און צוויי־טען. אט דאָ אויף דעם וואָקזאל, זעהען מיר דאָס לעצטע מאָל אזעלכע עלטערען, וואָס נישט איינמאָל האָבען זיי אליין ניט געהאט אויף שבת, און דאָס ערשטע געלט איז געווען אויף שכר לימוד פאר לערנען תורה, וואָס פון וויגעלע

אָן האָט מען אונז איינגעוויגט מיט דעם תורה צוה לנו. וואָס קלינגט אונז נאָך הייט אין דיא אויערען. זיי האָבען פערשטאנען, אז נור אז מען איז נאָהענט צו תורה, קען מען זיין נאָהענט צו עלטערען און צו יעדען איינעם. דערום האָבען זיי זייערע פאָטערליכע געפיהלען דערשטיקט, און געשיקט זייערע קינדער אין ישיבה גאנץ ווייט, עסען טעג א. א. וו. זיי האָבען פערשטאנען דעם לעבען זעהר טיף, אז ער איז נור דורכלויפיג, דער עיקר איז בלייבען ביא תורה און איין יוד, און איין יוד קען מען נישט בלייבען אָהן תורה, ווייל אָהן תורה מוז עס זיך ח"ו פריער אדער שפעטער איבעררייסען. מיר האָבען דאן אזוי פיל געפיהלט און דורכגעלעבט, אז דאָס איז געבליבען אויף אייביג נישט קיין פארהיילטע וואונדען, וואָס טריפען כסדר מיט טראָפענס בלוט, און פון איין תהום פון געפיהלען ביז דעם צווייטען, האָבען מיר זיך געראנגעלט דעם גאנצען וועג, דורכפאָהרענדיג רוסלאנד, אין פערשידענע פלעצער זעהענדיג דעם חורבן פון אונזער פאָלק, הן פון זיין גוף, און הן פון זיין נשמה, זענען מיר געווען זעהר גערירט. (ליידער לאָזט זיך נישט פיל שרייבען פון דעם אויף דעם פלאץ). אבער אין דעם גרויסען געראנגעל, איז נור דער כח פון אמונה און בטחון האָט אונז ווייטער געשטארקט און בעגלייט אונזער גאנצע רייזע, זעהענדיג בחוש אָט דעם גרויסען נס פון קענען בלייבען שלם בגופו ותורתו, ווייל דיא ישיבה איז געווען גאנץ ב"ה מיט איהרע תלמידים און דער הנהלה. און ווען מען איז אריין אביסעל טיפער אין סיבירער גרויסע בערג, האָט זיך אויסגעדאכט אז אָט דיא גרויסע בערג סאלוטירען און גיבען אָפּ כבוד אט דעם קליינעם וואנדערענדיגען סיני בארג, ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רינה, ווייל שוין לאנגע יאָהרען האָבען דיא בערג נישט געהערט קיין קול תורה, און יעצט, אין דעם טראנססיבירישען צוג, וואס איז אויסגעקומען עפיס וויא איין הימליש וויגעלע, מיט הויכע נשמות, וואָס ציהען און רייסען זיך צו העכער־קייט. און דאָ אין מיטען וועג, זיצען זיי אויך מיט איין משניות אין דער האנד און לערנען פאר דער נשמה פון זייער חבר ר' מאיר סעריוויאנסקי פון סאווואלק, וואָס איז פונקט געווען אין דיא שלשים, ער איז נפטר געוואָרען ב' שבט ת"ש, אין ווילנע, און מען זאָגט קדיש, אוך אלע פיהלען שטארק מיט דעם גרויסען טרויער, און ביא דעם ערשטען גלות קדיש און משניות, האָט מען עפיס אינסטינקטיוו געפיהלט, אז דאָס איז אייך אָנפאנג פון איין גרויסע טראגעדיע, וואָס יעדער מעג אָנפאנגען צו טראכטען יוצא צו זיין מיט דעם קדיש זיין חיוב פאר זיינע נאָהענט־סטע און טייערסטע. און, ליידער, דער קדיש איז טאקע געווען איין גרויסע התחלה פון דעם גרויסען יתום, וואָס הייסט מירער ישיבה, וואָס קומענדיג אין

שאנגהאי, האָבען אלע אָנגעפאנגען צו בעקומען ידיעות זעהר טרויעריגע, און ביסלאכווייז איז מען אזוי ארויף אין דער הויך איל בית המוסר און דאָרטען געריסען קריעה ר״ל, און איבערגעדרעהט דיא באנק און זיך געזעצט שבעה, זיך גוט אויסגעוויינט, און יעדער טרער איז געווען וויא בלוט פון דעם גרויסען אינערליכען שניט, וואס שניידען אונז אָפּ פון אזעלכע גרויסע, הייליגע עלטערען, און דיא געזעגענונג מיט אזא הייליג דור, וואָס דיא ציגעל און ליים פון יעדער אידישער שטוב האָבען אין זיך געהאט פיל קדושה פון דעם קול התורה, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעהערט יעדען טאָג, שבת און יום טוב.

און ווען מען איז אראָפּגעקומען פון דעם אויבענדערמאָנטען צימער איז ישיבה, האָט מען זיך אוועקגעשטעלט זאָגען דעם גרויסען הייליגען קדיש, אבער, ליידער, האָט מען נישט געוואוסט דיא יאָהרצייט, און דעם מקום קבורה, און אלע אומשטענדען, נור איין זאך האָט מען געהערט, אז מיט טענץ זענען זיי אוועק צו דער גרויסער עקידה איך איין העכערע הייליגע וועלט, דאָ האָבען זיי אָנגעפאנגען ביים ש מ ע י ש ר א ל, און דאָרטען האָבען זיי געענדיגט ביים א ח ד, אוי איז דאָס געבליבען איין גרויסער שניט בייא אונז אלעמען, וואָס קיינער קען עס גאָרניט פארשטיין וויא צו טרייסטען און צו היילען, ווייל מען וואָלט בעדארפט האָבען איין נייע תחיית המתים פון דער גרויסער הייליגער וועלט, אין וועלכער אונזערע עלטערען האָבען זיך ערצויגען. אבער דאָס איז זיכער, אז דיא אלע עראינערונגען וועלען אויף אייביג לאָזען טיפע וואונדען אין אונזערע אלע קעמערלאך פון הארץ און נשמה, און דאָס טריפענדע בלוט פון דיא וואונדען, וועט זיין דער אייביגער מתבוססת בדמיך פון געפילען, אבער דערפאר וועלען מיר זיך אויך קענען טרייסטען און זאָגען **בדמיך חיי! בדמיך חיי!** דאָס איז דאָס הייליגע, געזונטע בלוט, וואָס אין אלע רוחניות׳דיגע קראנקהייטען, וועלען מיר מאכען פון דעם טראנספוזיעס צו אונזערע קראנקהייטען, און דאָס איז אונזער גרעסטער טרייסט.

און פאר פורים תש״א, זענען מיר אָנגעקומען קיין יאפאן און זיך באזעצט אין קאָבע. דיא דאָרטיגע אידישע בעפעלקערונג בעשטעהט פון רוסישע און ספרד׳ישע אידען. זיי האָבען אונז ווארים אויפגענומען און געהאָלפען מיט אלעס מעגליכעס. נישט לאנג האָט געדויערט און דיא יאפאנעזער האָבען געהאלטען ערב קריג מיט אמעריקע, האָבען זיי אונז בעפוילען צו פערלאָזען יאפאן.

# קאָבע — שאנגהאי

אלול תש״א זענען מיר אלע אָנגעקומען קיין שאנגהאי. פון דער שיף איז די גאנצע מירער ישיבה פערפאָהרען אין דער גרויסער ספרד׳ישער שוהל בית אהרן, וואו מען האָט דאָרטען געהאט פלאץ אויף צו לערנען און איין זאל אויף צו עסען. אבער מיט שלאָפען איז, ליידער, געווען זעהר איין שווערער פראָבלעם. עס האָט געדויערט אביסעל, און די רוסישע אידען האָבען געהאָלפען איינאָרדנען מיט היימען, ווי מולמען ראד, און אנדערע פלעצער. זעהר ווארים האָבען זיך אָפּגערופען די דאָרטיגע אידישע בעפעלקערונג, איבערהויפט די ערשטע צייט. עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען, אז די ספרד׳ישע שוהל האָט אויסגעבויט איין ספרד׳ישער מאגנאט הארדון, וואָס איז צוליב איין חלום נתעורר געוואָרען צו בויען איין שוהל. זיין קבר איז אין איין גרויסען שאנגהייער פארק.

עס איז אבער געווען איין גרויסע זכות פאר איהם, אז 5 בלוטיגע יאָהרען זאָלען זיצען הונדערטער בני תורה און לערנען מיט אזא ברען און התמדה אין זיין שוהל. פיל, פיל האָבען איהם אין דעם זין מקנא געווען.

יעצט, וועגען שאנגהאי איז פאראן זעהר פיל צום שרייבען, אבער צוליב מאנגעל אין פלאץ, וועל איך דערווייל מוזען פיל אויסלאָזען. און דאָס פערשוויגענע וועלען שוין די בילדער פון שאנגהאיער געטאָ דערצעהלען.

שאנגהאי איז געווען איין גרויסע הייליגע מסירת נפש תקופה אין דער היסטאָריע פון בני תורה. אז אין אזעלכע אומשטענדען, זאָל מען לערנען מיט אזא ברען פון קדושה, און זיך קענען אזוי הויך אויפהויבען צו אזעלכע מדרגות פון השתפכות הנפש בייא די תפלות, אוך קענען טהון אזוי פיל הצנע לכת, ג׳דיגען חסד צווישען דייטשע אידען בגשמיות וברוחניות, און דעם אנפיהלען דעם צער איינער פון אנדערען און דורכלעבען טיף, טיף אין אלע נשמה קעמערלאך,

רעליגיעזע גרופען און ישיבות, וויא יח״ל, קלעצק, קאמיניץ, ליובאוויץ, נאווארדיקר, און אגודת ישראל. אלץ האָט איין גרויסען אָנטייל גענומען, מיט׳ן גאנצען ברען און מסירת נפש אין דעם אויבענדערמאָנטען, אז עס איז פשוט געווען איין גרויסער קידוש השם, אז נאָר תורה הקדושה קען אויסבויען אזעלכע פייערדיגע הערצער, וואָס זאָלען ברענען און קאָכען פאר יענעם צו טהון איין טובה, וואָס אלע האָבען אנערקענט אז די תורה אידען לעבען נישט פאר זיך.

און יעצט וועלען מיר צוגעהן צו אביסעל איינצעלהייטען. דער קלימאט אין שאנגהאי איז איינער פון דיא ערגסטע, ער איז זעהר טראָפּיש, הייס און נאס, איין העמד האָט מען נישט געקענט טראָגען מעהר וויא איין טאָג, צום שלאָפען איז אויך געווען שווער, עסען, ליידער, איז אלץ געווען, צוליב'ן קלימאט, פול מיט ווערים, איין שטיקעל ברויט מוז מען שניידען דין, וויא פּאַפּיר, און האלטען אין איין דורכלייכטען דורך ליכט, צי מען זעהט נישט קיין ווערים, און דערצו איז נאָך קיין גרויס אפעטיט נישטאָ, אזוי איז בייא איין ? פערטעל יאָהר. פארשטייט זיך, אז דיא רייכערע מענשען האָבען קיל סיסטעמען און גוטע איינריכטונגען אין שענערע געגענדען. אבער איך רעד וועגען אָרימען קלאַס, איז עס זעהר שרעקליך צו לעבען אין דיא אומשטענדען. ווען איך גיב א קוק אויף דעם גאנצען עולם וואָס האָבען דיא קימפּעט שאנגהאי דורכגעמאכט וויא גבורים, אָנקומענדיג אהער יילמים בגופם ב"ה, טראכט איך אז דאָס איז וויא אונזער משגיח שליט"א פלעגט דערמאָנען דעם מדרש, אז אין דער תיבה בייא נח'ן איז געווען איין חי' וואָס האָט נישט געוואָלט מטריח זיין נח'ן מיט עסען, ווייל זיא האָט געזעהן זיין צער, האָט זיא דיא גאנצע 40 טעג געפאסט. האָט דער זון געפרעגט נח'ן, פון וואנען האָט דיא חי' געלעבט ? האָט איהם נח געענטפערט, אז זיא איז געווען קראנק און געהאט היץ, און דיא היץ האָט איהר געשפייזט. אזוי האָט געשפייזט דיא בני תורה אין שאנגהאי נור דיא היץ פון דער תורה הקדושה. זיא האָט געמוטיגט און געהיילט אלע וואונדען.

ווען יאפּאן איז אריין אין קריג מיט אמעריקע, האָט מען שוין גלייך אָנגעפאנגען צו רעדען וועגען מאכען א געטאָ אין שאנגהאי. יאפאן, אלעס פארטנער פון היטלערן, האָבען זיי אלעס געוואָלט נאָכטאנצען. ט' באב, תש"ג האָט מען דעם געטאָ געמאכט, מען האָט געמוהט וואוינען אין איין פלאץ, צונויפגעשטיקט און ארומגעצאמט, נור אז מען האָט בעוויזען גענוגענדע בעוייזען, אז מען מוז זיין אויסער דעם געטאָ, האָט מען געקראָגען איין פאס, וויא איינער אויף וואָכען, טעג, און אויף א האלבען טאָג, וויא דעם פיהרער פון געטאָ איז איינגעפאלען. מען האָט נאר געזוכט צו כאפּען עפּעס בייא איין עבירה, האָט מען אריינגעזעצט אין תפיסה, און דיא תפיסה איז געווען אנגעשטעקט מיט טיפוס באצילען, וואָס איז שווער געווען צום היילען, און, ליידער, זענען געווען פיל קרבנות, טראָץ דיא נאטירליכע קָרבנות פון הונגער, ווייל אין געטאָ צייט איז מען געווען אָפּגעשלאָסען פון דער וועלט, קיין הילף האָט מען ניט געקענט קריגען, איז געווען טעג וואָס צווישען די עמיגראנטען זענען געווען 7 לויות ר"ל

איין טאָג, און וועגען מאכען איין לוי׳ האָט מען בעדארפט האָבען א ספעציעלע ערלויבניש, ווייל דער בית החיים איז געווען אויסער דער געטאָ. איך געדענק נאָך אז דער ארון וואָס מען האָט געפיהרט דיא מתים, איז געווען איין דאָפּעלטער. מען זאָל קענען פיהרען 2 מיט איין מאָל. פאר דיא מלוים האָט מען בעדארפט האָבען א ספעציעלע ערלויבניש. דיא פירער פון געטאָ זענען געווען 3: קאבאטע, אקורא, און גאיע. גאיע, דאָס איז געווען דער ערגסטער. ער פלעגט שלאָגען טייל־מאָל גאר שרעקליך, אָפטמאָל, אז עס האָט זיך איהם פארגלוסט, איז ער ארויס פון זיין אָפיס אויף דער גאס, וואו הונדערטער מענשען פלעגען שטעהן און ווארטען אויף זיין ערלויבניש פאס, און גרויסנעמען פון רייא איין מענשען און שלאָגען איהם. ער פלעגט קאָפּען מיט דיא פיס אין בויך אריין און שלאָגען. און פיל מאָל אריינווארפען אין תפיסה, וואו מען איז שמוציג און קראנק געוואָרען אויף טיפוס ר״ל. מען האָט שוין מעהרסטענס ניט געקענט לעבען, ווייל דיא טיפוס באצילען פון תפיסה זענען געווען ספעציעל שטארקע, און נישט קיין היילבארע, און דיא קראנקע זענען אויך אין שפיטאָל געוואכט געוואָרען פון געהיימע אגענטען און פּאָליציי: אז פּריוואטע דאָקטוירים איז געווען שווער צו ברענגען. דיא לויות פון דיא קרבנות האָבען געזעצליך כמעט געמוזט זיין וויא אין געהיים, נישט פיל מענשען, און אויפגעפאסט דורך פּאָליציי.

דער געטאָ אין שאנגהאי איז צוליב דער גרויסער טראגעדיע פון 6 מיליאָן אידען פערטונקעלט געוואָרען, אבער ער דארף אבער נישט אינגאנצען פער־שוויגען ווערען. דיא לאגע אין אלגעמיין איז עס געווען איין געטאָ, מיט פיל טראגעדיעס און פיל הונגער איז געווען צווישען דיא טויזענדער יודען אין שאנגהאי. עס וואָלט זיך חלילה עקאָנאָמיש געווען געענדיגט זעהר טראגיש, אבער אדאנק דעם וואָס אין אמעריקא איז געווען איין ועד ההצלה, מיט הרב קאלמאנאָוויץ שליט״א וואָס האָט געבראָכען די נאטירליכע גרעניצען און געפועל׳ט ביי דער רעגירונג, אז אפילו צו יאפאן, וואָס מען איז מיט איהר אין קריג, מעג מען שיקען הילף. פריער איז דאָס געווען פאר דיא רעליגיעזע, און שפעטער האָט מען עס דורכגעבראָכען פאר אלע אידען עמיגראנטען. דאָס איז פשוט געווען איין געוואלדיגע רעטונג פאר דיא 15 טויזענד עמיגראנטען אין שאנגהאי. דיא בני תורה זענען געווען זעהר אָנגענומען אין שאנגהאי, אדאנק דעם וואָס זייער שטיצע איז געווען פון ועד ההצלה, אויף איין רעליגיעזען באָדען, איז טאקע דער גרויסער מסירת נפש אקט געווען אזוי געלונגען, נישט נור פון דיא בני תורה און אלע רעליגיעזע גרופען, נור אפילו פון פיל רביצנ׳ס און פרויען, וואָס לעבענ־

דיג אליין אין איין קליין שאנגהאיער צימערל פערשטיקט, מיט קליינע קינדער, זענען זיי נאָך געגאנגען לערנען אין בית יעקב מיט קינדער, און לאנגע צייטען אויך אהן געלט, און געקאָכט בייא דעם רויכערדיגען טשיינים טאָפּ פאר קראנקע, און אליין אוועקגעטראָגען אין שפּיטאָל אריין. וואָס איז נאָרמאלע צייטען קען מען דאָס גאָרנישט פערשטיין. אבער אונזער פאָטער אברהם אבינו האָט שוין געוויזען דעם ערשטען וועג, אז נור מיט איין „ו י ר ץ" קען מען דאָס דער־גרייכען. נור שטורים׳דיג, נישט לאנגזאם, ווייל דאן האָט מען צופיל חשבונות, איך שטורים ווערען פערלוירען אלע גופניות׳דיגע חשבונות דערום נור דאן קען זיך צעפלאַטערען דאָס ווארימע אידישע הארץ. עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערען אין זעלבען וועג, אייך הארציגען דאנק דעם שאנגהייער רב הגה״צ הרב אשכנזי שליט״א, וואָס ער מיט זיין גאנצע משפּחה זענען געווען איבערגעגעבען בלב ונפש פאר דיא בני תורה און אלע פּליטים, קראנקערהייט איז ער געלאָפען טהון וואָס ער האָט נור געקאָנט, דער בו״ע זאָל איהם שיקען איין רפ״ש און ער זאָל האָבען פיל נחת פון זיינע קינדער.

אויך קומט צו דערמאָנען דיא פעדזואלטונג פון תלמוד תורה און בית יעקב וואָס האָבען צוזאמען מיט הרב אשכנזי שליט״א געהאָלפען אויסהאלטען דיא 2 שיינע אינסטיטוציעס, וואָס זייערע תלמידים און תלמידות זענען שוין אליין ראוי אויף צו עפענען אייגענע שוהלען, וויא אין עסטרייך האָט איין יונגע תלמידה פון שאנגהייער בית יעקב, רחל סטיינער, געעפענט איין שיינעם בית יעקב, און דאָס אליין זאָל זיין זייער אנערקענונג. און ווייל איך ווייס פון פיל מענשען, איז מיר שווער יעצט אויפ׳ן אָרט צו דערמאָנען אלע, כדי אויסצומיידען תרעומות פון דיא פערגעסענע.

און עס מוז נאָך איינמאָל דערמאָנט ווערען, אז נישט איינמאָל האָט מען געמערקט וויא בני תורה טראָגען עסען מיט עסען טרעגערס פון דער ישיבה׳־שער קיך צו איינצעלנע שוואכע מענשען, און געטראָגען אין דיא שרעקליכע היצען, זעהר וייט אלע טאָג, אפילו דאן ווען מען האָט נישט געטאָרט פאָהרען אויף קיין טראלי קאר, נישט איינמאָל האָט מען געטראָפען איינעם טראָגען איין עסען טרעגער פאר איין מענשען, און זיינע הויזען זענען געווען פערגאָסען פון זופּ, און דאָס פנים פון שוייס, ווען דיא וועלט וואָלט דאָס געזעהן מיט זייערע אויגען, וואָלטען זיי באמת פערשטאנען וואָס עס הייסט א גוטע הארץ, און דערצו מוז מען פערשטעהן דיא אייגענע אומשטענדען, אז אליין האָט מען אויך נישט געלעקט צופיל האָניג, און מען איז געזעסען איין גאנצען טאָג, און געלערענט אין

דיא אומשטענדען, ווען בייטאָג איז מען פון היץ פשוט פערברענט געוואָרען, און דאָס געזאלצענע שווייס איז געווען אויפ׳ן קערפּער וויא זאלץ אויף וואונדען, און אין אָווענט האָט בעדארפט זיין שטרענג פערטונקעלט, צוליב אמעריקאנער באמבארדירונגען. מיט דאָפּעלטע רויטע און שווארצע דעקעס זענען געווען אלע פענצטער פערטונקעלט, אַז דיא שיין האָט זיך נישט געטאָרט ארויסזעהן. און, אזוי, פערשטיקטערהייט, איז מען געזעסען און געלערענט ביז 11 אזייגער אין אָווענט. אויף מוזעאום ראד, אויסער דעם געטאָ, אין דעם דריטען סדר. נאָך 11, איז שוין נישט געווען ערלויבט צו זיין אויסער דעם געטאָ, האָט מען זיך צוזאמענגענומען צווישען זיך געלד און געדונגען אין געטאָ אויף טונגשאָן ראד עטליכע צימערען און דאָרטען האָט מען געלערנט ביז 3-4 פארטאָג, אלץ אין דעם צושטאנד, וויא עס איז אזוי שווער געווען, אז קיין שיין האָט מען נישט ארויס־געזעהן, און אזוי, פערשטיקטערהייט, איז מען געזעסען ביז שפעט ביינאכט און געלערענט. עס איז זעהר שווער געווען צו כאַפּען דעם אָטעם, ווייל איין צוג ווינטעל אין דיא הייסע טעג איז כמעט קיינמאָל נישט געווען, נור איין ווענטי־לאטאָר האָט געבלאָזען, מען קען שוין פארשטיין, פיל דאָס האָט געקענט פאר־לייכטערען, ווייל מען האָט אפילו נעבען ווענטילאטאָר געברויכט צו האָבען אייז האנטוכעל, ספעציעל אויף ווישען דיא שווייס. דאָס האנטוכעל איז געווען וויא בייא איין זעלנער דיא ביקס, נישט ארויסגעלאָזט פון האנד, נישט ביים לערנען, עסען, און שלאָפען. אין איין האנד דאָס שווייס האנטוכעל, אין דער צווייטער האנד איין פּאַפּירענער פאָכער אויף אפצוקילען זיך. ווען מען האָט זיך געזעצט שרייבען הדושי תורה, האָט מען ווייטער באדארפט ארויפלייגען האנטאכער אויף דעם פּאפּיר, עס זאָל נישט נאס ווערען דאָס פּאפּיר, נור איין שורה האָט מען געלאָזט לעהר צום שרייבען, צוליב נאסקייט פון שווייס, אין אַט דעם מצב האָט מען געשריבען און געדרוקט ספרים, מען האָט אויך אָפּגעדרוקט גאנץ ש״ס, אלע רמב״ם׳ס, ראשונים, אחרונים, ווייל דער קאָך און דראנג צום רוחניות׳דיגען לעבען אין אלע בעוועגונגען זענען נור כדי וואָס מעהרער תורה צו פּראָדוצירען און ארויסגעבען.

יעצט, וואָס אָנבאלאנגט אין זין פון טהור חסד איינער מיט׳ן צווייטען, האָט זיך געגרעניצט דער בין אדם לחבירו צוזאמען מיט׳ן בין אדם למקום, ווען עס האָט ח״ו געטראָפען איין חולה אין אזא רבים, מען האָט עס דורכגעלעבט און מיט־געפיהלט אזוי ברודערליך, אזוי פאָטערליך, אז עס האָט זיך געמערקט אויף יעדען געזיכט אָט דער אויבענדערמאָנטער אמת. דיא הערצער און געפיהלען

זענען דאָך געווען זעהר אָפען, מען איז געווען נאָהענט צו איין טרער וועגען יענעמ׳ס צרה, ווייל אלע זענען געווען צוזאמענגעגאָסען איין איין נשמה, אז צווישען מיר און יענעם איז געווען אייך שוואכע גרעניץ, במילא האָט מען עס גוט געפיהלט, און טאקע גוט דורכגעלעבט. וויפיל טרערען האָט מען בייא איין תהלים פערגאָסען פאר יענעמ׳ס צרה׳ פיל הארץ און נשמה איז דאָרטען געוואָרען אויס־געדריקט מיט דעם גאנצען כח, אז מען האָט טאקע פיל מאָל געמערקט אז נאָך איין תהלים אָפענסיווע איז טאקע לייכטער געוואָרען, אז מען האָט דעם גזר דין צוריסען. דיא תפלות זענען געווען זעהר שטארק און השתפכות הנפש׳דיג. איבער־הויפט ימים נוראים און שמחת תורה, וויא עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען.

אבער עס ווילט זיך נאָך אמאָל דערמאָנען וועגען שמחת תורה איך מוזעאום ראד, וויא איין טאנץ האָט געדויערט עטליכע שעה, אָהן איבעררייס. עס איז געווען ש״ת ביינאכט, און מען האָט געזונגען דעם ניגון: „פונדאנען טרייבט מען ארויס און דאָרטען לאָזט מען נישט אריין, זאָג שוין, טאטוני, וויא לאנג וועט עס זיין?״. און אויף דיא בענק אינדערהויך האָט איינער געהאלטען דיא האנט אויף דעם צווייטען, און דיא שטימע האָט זיך געהויבען שטארקער און שטארקער „וויא לאנג וועט עס זיין?״. און ווער עס געדענקט יענעם שמחת תורה, דער ווייסט אז דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע פילבארע מאָמענטען פון מירער ישיבה אין גלות, און דיא זעלבע מאָמענטען האָט מען דורכגעלעבט איינער ביים צווייטענ׳ס שמחה, וויא בייא איין תנאים און חתונה.

יעדער ניגון און שמחה פון גלות איז געווען אויפרייס מאטעריאל פון טיפע נשמה הרגשים, וואָס האָט אונז פלוצלונג צוריקגעשטויסען צו אונזער אלטען עבר, און מיט דעם לעצטען, רירענדען ניגון פון וקרב פזורינו זענען מיר ארויף אויף דער שיף קיין אמעריקא, און מיט טרערען אין דיא אויגען האָבען מיר געהאלטען אין איין קוקען אויף אונזער הייליגער ישיבה אין מוזעאום ראָד און געבעטען ביים בו״ע, אוי, רבוש״ע, געדענק אונזער מסירת נפש פאר דיר אונזער גאנצען גלות, וואו אין דעם שמוציגען שאנגהאי, זענען מיר געזעסען 5 יאָהר צייט אין איין וואנע פון שווייס און שמוץ, און דיין נשמה האָבען מיר געגעבען שיינע, בעקוועמע פאלאצען אין אונזער גוף. זאָלען אונזערע סטענדערס וואָס מיר האָבען געלערענט און פארגאָסען מיט אזויפיל שווייס און טרערען, זיין דער מזבח, וואָס זאָל שטענדיג דיר דערמאָנען אין אונזער גרויסען קרבן, וואָס איז געווען כלו לה׳, און קענען זיין ווייטער נעבען דיר און נעבען דיין תורה, און נישט דארפען ח״ו זיין איין אומפארשטענדליכער קרבן אָהן איין מזבח.

און איך וויל זיך נאָך אמאָל ספּעציעל אָפּשטעלען אויף די קרבנות וואָס די בני תורה האָבען געבראַכט אין שאַנגהאַי, אז זייער גאַנצער גלות איז געווען איין גרויסער מזבח פול מיט קרבנות. און ספּעציעל שאַנגהאַי, איז געווען איך מסירת נפש תקופה פון אלע ישיבות און רעליגיעזע גרופּען, וויא עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען. דערום מוז דער גרויסער, רייכער אינהאַלט פון יענער תקופה אריינגעלייגט ווערען טיף, טיף אין די קעמערלאך פון מענשען׳ס הארץ און נשמה, אוך עס וועט זיכער גוט צונוצקומען יעדען איינעם אין אלע מאָמענטען פון לעבען, וואָס דאָס איז אויך טיילווייז די כוונה פון מחבר.

איך קום יעצט אויסדריקען מיין ברכה צו מיינע רביים, די הנהלה פון מירער ישיבה, רבינו יחזקאל הלוי לעווינשטיין שליט״א, רבינו הגרא״י פינקל שליט״א און רבינו הגר״ח שמולעוויץ שליט״א פון מירער ישיבה אין ירושלים.

און צום נשיא פון מירער ישיבה דאָ אין אמעריקע, הרב קאַלמאַנאָוויץ שליט״א, פאר זייער גרויסער מסירת נפש צו קענען אויפהאַלטען די ישיבת מיר אין איהר פּראַכט און שיינקייט אלע יאָהרען. זאָל איך דער בו״ע העלפען, אז איהר זאָלט קענען אָנהאַלטען דעם אלטען רוח פון מירער ישיבה אויף דעם נייעם באָדען.

און אויך מוז אנערקענט ווערען, אז דער מחולל פון רוח אין מירער ישיבה פון איהר פריהסטען אָנפאַנג, איז געווען דער אלטער משגיח רבינו ירוחם זצ״ל, וואָס וועט קיינמאָל ניט פערגעסען ווערען. יהי זכרו ברוך.

יעצט קום איך אויסדריקען איין הארציגען דאנק צו ה׳ לייביש לערער און דר. וויינרייך פאר קריגען מיר די ערלויבניש אויף צו פאַרעפענטליכען פיל בילדער פון י.וו.א. ארכיוו אין דעם חיבור.

צום ענדע וויל איך ברענגען איין קרבן תודה צום בו״ע וואָס האָט מיר געגעבען כח און מוט אָפּצודרוקען מיין ספר גדלות האדם און דאָס יעצטיגע חיבור. איך וויל בעטען ווייטער בייא השי״ת אז ער זאָל מיר העלפען ווייטער צו פאַרעפענטליכען מיינע גרעסערע חיבורים וואָס זענען געשריבען געוואָרען אין גלות שאַנגהאַי, אין מצב פון דם ואש ותמרות עשן, וואָס דאָס וועט פאר מיר זיין איין גרויסע טרייסט פאר מיין פאַרגאַנגענהייט און געבען מוט אויף דער צוקונפט.

ב׳ אייר, תש״י, ברוקלין, ניו־יאָרק